# ניגון בר יוחאי מפורש באידיש

**בר יוחאי: הייליגער רבי שמעון**
**אזא טייערע נשמה, אראפגעקומען**
**די קרוין פון דיין חברים, ביסטו געווען.**
**וואויל איז דער מענטש, וואס האט דיך נאר געזעהן.**

**בר יוחאי:** געשמירט מיט הייליג שמן,
ווער ס'האט דיך געזעהן, נישט קיין חילוק וועמען,
כפרות עוונות אויפן פלאץ באקומען,
אזוי ווי ווען די ציץ איז געווען ארומגענומען.

**בר יוחאי:** דו האסט אויפגעשטעלט תלמידים,
זיי זענען אויסגעוואקסן גרויסע מתמידים,
געלערנט מיט געשמאק ווי א ברענענדיגע פייער,
ס'האט זיך דערקענט אז תורה ביי זיי איז טייער.

**בר יוחאי: הייליגער רבי שמעון**
**אזא טייערע נשמה, אראפגעקומען**
**די קרוין פון דיין חברים, ביסטו געווען.**
**וואויל איז דער מענטש, וואס האט דיך נאר געזעהן.**

**בר יוחאי: הייליגער רבי שמעון**
**אזא טייערע נשמה, אראפגעקומען**
**די קרוין פון דיין חברים, ביסטו געווען.**
**וואויל איז דער מענטש, וואס האט דיך נאר געזעהן.**

**בר יוחאי:** פון די רומיים ביסטו אנטלאפן,
צווישען פעלזן און שטיינער, א הייל אנגעטראפן,
געלערנט דארט סודות התורה,
אויך געדינט דעם הייליגן בורא.

**בר יוחאי:** האט אין הימל געלערנט תורה,
אלע סודות, מיט די ריכטיגע מסורה,
אזוי געשמאק, ווי א גערוך פון בשמים,
מיט אלע מעלות, ביסטו געווען א תמים.

**בר יוחאי: הייליגער רבי שמעון**
**אזא טייערע נשמה, אראפגעקומען**
**די קרוין פון דיין חברים, ביסטו געווען.**
**וואויל איז דער מענטש, וואס האט דיך נאר געזעהן.**

**בר יוחאי: הייליגער רבי שמעון**
**אזא טייערע נשמה, אראפגעקומען**
**די קרוין פון דיין חברים, ביסטו געווען.**
**וואויל איז דער מענטש, וואס האט דיך נאר געזעהן.**

**בר יוחאי:** אין די גאסן, האסטו געשריגן,
די הייליגע תורה דארף, אין יעדענ'ס הארץ ליגן,
פאלגן אלעס וואס די תורה הייסט,
מיט דעם זכות, ווערן מיר אויסגעלייזט.

**בר יוחאי: הייליגער רבי שמעון**
**אזא טייערע נשמה, אראפגעקומען**
**די קרוין פון דיין חברים, ביסטו געווען.**
**וואויל איז דער מענטש, וואס האט דיך נאר געזעהן.**

**בר יוחאי:** גרויסע סודות האסטו דערגרייכט,
נישט פאר יעדער, איז נסתר אזוי לייכט,
דו האסט דאך מיט דעם, אויפגעשיינט די וועלט,
מיט די זוהר הקדוש, וואס דו האסט צו געשטעלט.

**בר יוחאי: הייליגער רבי שמעון**
**אזא טייערע נשמה, אראפגעקומען**
**די קרוין פון דיין חברים, ביסטו געווען.**
**וואויל איז דער מענטש, וואס האט דיך נאר געזעהן.**

**בר יוחאי:** דאס איז דאך זיין פראכט,
ביז דו ביסט געקומען, זענען די סודות געווען פארמאכט,
אזוי ווי די תפלין, אויף די מענטש טוט מען קניפן,
איז געווען געבינדען, די סודות אויף דיין ליפן.

**בר יוחאי: הייליגער רבי שמעון**
**אזא טייערע נשמה, אראפגעקומען**
**די קרוין פון דיין חברים, ביסטו געווען.**
**וואויל איז דער מענטש, וואס האט דיך נאר געזעהן.**

**בר יוחאי:** ביסט באשאנקען מיט קלוגשאפט,
האסט ארייגעלייגט אין חכמה, א שטארקן קראפט,
צוויי און-דרייסיג וועגן, פון חכמה געוואוסט,
נאר הייליגע זאכן, האט דיין הארץ געגליסט.

**בר יוחאי: הייליגער רבי שמעון**
**אזא טייערע נשמה, אראפגעקומען**
**די קרוין פון דיין חברים, ביסטו געווען.**
**וואויל איז דער מענטש, וואס האט דיך נאר געזעהן.**

**בר יוחאי:** חלילה זיך נישט גרויס געהאלטן,
יעדע מינוט, געגלייבט אין השם,
ידע, ער האט געוואוסט, אז ער זעט אין אלע שפאלטן,
מורא שמים, מיט די גרעסטע פארנעם.

**בר יוחאי: הייליגער רבי שמעון**
**אזא טייערע נשמה, אראפגעקומען**
**די קרוין פון דיין חברים, ביסטו געווען.**
**וואויל איז דער מענטש, וואס האט דיך נאר געזעהן.**

**בר יוחאי:** יעדער לויבט דיינע עלטערן,
צו דעם באשעפער, האסטו געטוהן דערנענטערן,
חכמים ונבונים, וואס לערנען פון דיר,
קדושה ביי זיי, עס הערשט אן א שיעור.

**בר יוחאי: הייליגער רבי שמעון**
**אזא טייערע נשמה, אראפגעקומען**
**די קרוין פון דיין חברים, ביסטו געווען.**
**וואויל איז דער מענטש, וואס האט דיך נאר געזעהן.**